אויף אונז ניט האַבן קיין יאָך פֿון קיינם מענשן זאָנדרן זאָל עוויג אויף אונז
זיין דאַז יאָך פֿון דיינם הייליגן קיניגרייך צו דינן דיר אַלייניג מיט גאַנצעם
הערצן מיט טונגר קינדר אונד ניט מיט פֿערשעמטם פנים אונד דו זאָלסט
אונז בהיטן אונד בשירמן פֿאַר אַרמוט אונד פֿאַר נויט אונד פֿאַר דלות
אונד פֿאַר שפלות אונד זאָל זוכה זיין אורחים איבר אונזר טיש צו האַלטן
אונד מיר זאָלן קענען גומל חסד זיין מיט אַזאָלכן מענשן ווער דאַ פֿון
אונז וואַז פֿערלאַנגען גוטס אונד רוח זאָלסט אונז בשעהרען געלד דאַס מיר
זאָלן צדקה געבען זאָלכע לייט די דאַ זינן ראוי צדקה צו נעמען אונד דו
זאָלסט אונז שיקן אייזן זאָלכי לייט דאַס אונזער צדקה אַן זי אַנגעלעגט
איזט אונד מיר זאָלן ניט געטעט־ויפֿעלט ווערן מיט זאָלכע לייט די דאַ
ניט ראוי זינן צדקה צו נעהמן דאַס איין צדקה אַן זיא ניט אַנגעלעגט איז
אַן זי נון רוח ליבר הימלישר פֿאַטער דאַנקען מיר דיר דאַס דו אונז פֿון
מוטרלייב אַן ביז אויף דען הייטיגן טאַג ערהאַלטן אונד ערנערט האַזט אונד
האַזט אונז געשפייזט אונד אונזער גוטז געטאָן זאָ ביטען מיר דיך דאַס דו
אונז ווייטר זאָלסט געבען אין פֿרעהליך הערץ מיט שלום אונד געזונד אונד
לאָס דאַך דיינע שכינה לייכטן אויף אונז אונד ערלייז אונז אויז דעם לאַנגן
גלות דאַמיט דאַס דיין הייליגר נאָמען זאָל ערהעבט ווערדן אויף דער וועלט

פֿון אײ׳ פֿעלקר גלובט ביזט דו גאָט אלײן: איז דײן אונד אונז אין דײנר הײליגר
אונד אונ׳. דורך דײנע גראָסע גנאָד אונד בפֿראהערליגקײט ווערדן איר אױ
דײן גלות ערהאַלטן אונד פֿון דײן הײליגר הײבן איר אַלי טאָג חסד ורחמים
איך ביטט דיך דוח זאָלסט אונז געבען נאָך דײן ליבען ווילען עסען אונד
טרינקען אונד קלײדונג. ווײס סוד דײן דוח ווײסט דאָס איר אױף דער
וועלט מאַכי דאַז נים קײנן לעבן אונד דאַז איר זאָלסט מאַכי דײני גנאַד
אונד ווילן נים ערהערבטן זאָנדערן ווען דו דײנע אײגנע גטרײע הײלגר אױף
טויט אונד זאַסט פֿאָן מאַכען דאַ ווערן איר געזעגנט אונד מאַנעס וואַז דאַ
לעבט דורך אל שדי אַלמעכטיגער גאָט הײליג טוס דאָס איר זאָלן ערקענען
דײן חסד וואַז דו אײט אונז טוסט אין גלות אונד זאָלן ערקענען דײן ווערדיגן
נאָמען אונד דאָס אונזר הערץ נים זאָל בשווערט זײן אײט דאגות פֿון מו"מ
דאַז איר אױך כאָך פֿײ גיבלר אונד גוט טראַכטן אונד אַזוי איך לו דעם שטן
אין זײן נעטן נים גשאַכטען אונד גיב אונז דאָך דען חסד דאָס איר מאָג
זאָרג אונד אַנוֹיגן זאָל אַבמעכרן אױף דײן הײליגן נאָמען אונד זאָל איך זאָגן
בגניגן אים לחם חוקי אונד איר זאָלן אונזרע פרנסה האָבן פֿון דײנער
הײליגר אונד איר זאָלן זיך אַלי נײט בגניגן זאָגן אים וואַז דוח אונז בשערן
ווערט דען עז איז ניקסטבעסר אַלז: ווער זיך בגניגען זאָגט אים וואָס: דוח ליעבער
גאָט איהם בשערט אונד אים דערווײלן משמח איזט אױך זאָלסט דוח דאָך
אַמאָהל גדענקען אַן דײן פֿערוויסטע בית המקדש דאָס עז זאָל כמעט אױך
גרויסט ווערן אין אונזרי טאָג אױך דאָס איר זיך אין דײנער געטליכע הײליג
אַנטקען רעכט ערפֿרײען דען איר האָבן יוח קײנע אַנדרי טרעסט אונד הײליג
אַלס דיך גאָט אַלײן אונד אַלי נײט אין דער גראָסע נאָהט גהאָלפֿען
האָט אונד זאָ האָלפֿען איר דאָס דוח אַלמעכטיגער גאָט ווערסט אונז ווײטער
ניט פֿערלאָזן אונד אַלי נײט העלפֿן ווען איר דיך אַנרופֿן אמן וכי"ר.

גאָט אַלמעכטיגער דו ביזט אײן קעניג איבר די גאַנצע וועלט אונד
דו ביזט דער העלפֿר איבר אַלי העלפֿר איך ביט דיך דו גראָסר בפֿראהערליגר
פֿאַטער קעניג דאָס דוח דיך איבער איר אונד איין אַמאָן זאָלסט ערבאַרמען
אונד זאָלסט אונז בהיטן אונד בשירמן פֿון אַלן בײזן אונד דו זאָלסט איהם
ווײטן וועג אונד שטעג דאָס מיר זאָלן האָבען זײן פרנסה בכבוד אונד איר
חלילה נים זאָלן געשפײזט ווערן פֿון אײן אַנדערס אונד איר זאָלן נים פֿער-
שעמט ווערן אַנדערן דורך דײנע גטרײע אײלדע הײליגע זאָלן איר אַלי נײט
געשפײזט ווערן אונד דו זאָלסט אונז שפײזן גלײך דו האָסט געשפײזט דיא
פֿרויח

פרוכט פון עובדיהו איז איר קינד דורך דעם אלישע הנביא דער גאַנצע
ניכט אמת׳ן דו זאָלסט איין אמן פֿירן דען רעכטן וועג אונד זאָלסט איהם שיקן גוטע
מלאכים צו בגלייטן אונד זאָלן איז איהם זיין גלייך ווא דו האָסט געשיקט
מלאכים איז יעקב אבינו ע"ה זאָ זאָלסט דו איז איהם אויך שיקן זאָלן
מלאכים די איהם זאָלן בעגלייטן אין אַלי זייני וועג אונד שטעג וואָ ער
געט אונד שטיט אונד אין אַלי טרים וואָ ער טרעט זאָלן זי איהם בהיטן
פֿר אַלם בייזן אונד ער זאָל איז גזונד אונד שלום הייטן שמחה אונד ששון
אין זיין הויז קומן צו זיין וייב אונד קינדר לאַס איז דאָך דען זכות פֿון
זייני קלייני קינדר בייאַשטין די דאַ נאָך ריין זיין פֿון עבירות אויך בים איך
דו הער פֿון דר גאַנצי וועלט האָב איין אכטן העט שטאָן גוויגדריגס צו זאָגן ד ר
אונד דו האַסט איהם אויסגלעגט ד: ער זאָל חס וחלילה גשטראָפֿט אַ
אויף דעם וועג זאָ בים איך דו אַלמעכטיגר באַרמהערציגער גאָטס דו בייזט
דאָך באַרמהערציג אונד גנעדיג איבר די קינדר ישראל דאַס דו זאָלסט צו
רייסן פֿון איהם בייזי גזירות אונד דו זאָלסט איז איך ניט אום גיהן איז
מדות הדין נור איז הייטן מדות הרחמים אונד דו זאָלסט איהן אויבה
ניט בודק זיין ווען ער גיהט במקום סכנה אונד לאַס אונז בייאַשטיה
דער זכות פֿון אונזר עלטערן אברהם יצחק ויעקב אונד דער זכות פֿו
אונזר קלייני קינדער די דאָ נאָך ריין זיין פֿון עבירות אונד איהר זכות
זאָל אונז אַלעמאָל בייאַשטין דאַס איר חלילה ניט זאָלן פֿערשפּיילט ווערדען
אונד דו זאָלסט אונזר עלטערן לאָזן אין עהרן אונד אין פֿרידען אונד איר
זאָלן גאָר קיין לייד דערלעבן אונד איר זאָלן אונזר יאָהר אונד טעג פֿערברענגען
אין גרויסע פֿרייד אונד דו זאָלסט אונזר הערץ שטאַרקען אין דיינעם הייליגן
דינסט דאַס איר דיהנן זאָלען באהבה וביראה מיט געבעטן אונד מיט
פֿורכט אונד איר זאָלן דיינע ליבע מצות האַלטען קענען אונד דו זאָלסט
אויך שטערקן דאָס הערץ פֿון איין קינדער דאַס זי זאָלן ריכטן מיט גאַנצעם
הערצן שטענדיגליך אונד זיי זאָלן פֿון דיין ליבע הייליגע מצות ניט איבערטרעטן
די גרינגסטע אונד אונזער שונאים זאָלן קיינע נקמה האָן אונז ערלעבן צו
זעהן אונד דו זאָלסט פֿערשטערן אַל די בייזע געדאַנקען פֿון אייערע פֿיינד די דאַ
אויף אונז שטיין צו בייזן אונד זאָלסט פֿון אונז האָב שאָן דען יצר הרע דער
וואָרטן דאָס אונזר הערץ זאָל פֿערקערט ווערן צו גוטן איך בים דיך דו
אַלמעכטיגר באַרמהערציגר פֿאָטער ערבאַרעם דיך דאָך איבר אונז וואָס זיך ערו
ערבאַרעם איין פֿאָטער איבר זייני קינדר אונד עפֿן אונז אַל די שערי רחמים אונד
דו זאָלסט דאָך אננעהמען דאָס געבעט פֿון איר אַרמע זינדיגען מענטשן ווי איך פֿר
דיר

דיר ליבר גאָט געבעטן האָב אונד דו זאָלסט אויך צושטערן אַלי מקטרגים די דאָ זיין באַשאַפֿן געוואָרען פֿון מיין עבירות אונד לאָס דאָך פֿאָר דיר קומען די ריד פֿון מליצים ישרים דיא דאָ זיין באַשאַפֿן געוואָרן פֿון מיין מצות אונד מעשים טובים אַלז איך גאָר האָב אונד שיק אונז באַלד אין אונזערן טעגן דעם משיח זאָלן באַלד ערלייזט ווערן אויז אונזערן שווערן גלות גלויבט ביים גאָט דאָס דו ערהערסט אַלי די תפלות פֿון אַלי די קרעאַטור די דיך אַנרופֿן מיט וואַרהייט אַלז ווי אין פסוק גשריבן שטייט קרוב יי לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת גאָט איז נאָהנט צו אַלי די איהן אַנרופֿן מיט וואַרהייט עז שטייט אויך אין פסוק גשריבן ואת שועתם ישמע ויושיעם אונד איהר געשרייא טוט ער פֿערנעהמען אונד ערהערט זי אַלזאָ זאָגט דוא דיא תפלה עמפֿפֿאַנגן זאָ איך מיר לעבן פֿון ייצטלנד ביז עוויג ווען איך דיך ווער אַנרופֿן צו גוטן אכי"ר אמן סלה

יהי איינע שיינע תחנה די מאַן זאָל מתפלל זיין אויף גוטע קינדר צו האָבן איז גקומן אויז ירושלים.

ידוע דאַז איז ווייזיגליך דאָז דיא ווייבר קיין אַנדר זכיות ניט האָבן דאַס זי זאָלן קומן לחיי עולם הבא נור דורך זיא ערציהן איר קינדר לתורה ולחופה ולמעשים טובים אונד פֿירן זיא צום רבי זיא זאָלן תורה לערנן דרום אויך יעדע פֿרויא איז שולדיג תפלה צו טון אַלע טאָג דאָס השם ברוך הוא זאָל איהר בשערן פֿרומי קינדר צדיקים אונד תלמידי חכמים.

כ זאָ זאָל זי תפלה טאָהן בכוונה אַבענד אונד מאָרגענז אין ש"ע פֿאָר זיא עושה שלום אויזגים פֿאָר יהיו לרצון דאָ ווערט זיא זוכה זיין צו האָבן תלמידי חכמים.

רבש"ע דו הער פֿון דער גאַנצער וועלט ערבאַרמיגר פֿאָטר קיניג דאָס דוא זאָלסט דיך ערבאַרמען איבער מייני ליבע קינדר די איך האָב פֿון מיין מאַן (פב"ס) אונד דו זאָלסט עפֿנן איר הערץ אין דר תורה דאָס איר הערץ זאָל זיין וויט אונד ברייט אין דר תורה אַלז דאַמאָלז געוועזן דאָז טאָר פֿון אונזר בית המקדש דר וואָרטן דאָז זיא זאָלן קענן פֿרשטין די טעמים אונד די כוונות אונד די סודות פֿון דייני היילגי תורה אונד דו זאָלסט איר זי געבן צו יונגי יאָהר אונד צו לאַנגי יאָהר אונד זאָלן אויך זוכה זיין צו האָבן גוטי פֿרומי קינדר אונד זי זאָלן אויך ערפֿילט זיין מיט תורה אונד חכמה אונד מיט יראת שמים אונד זי זאָלן זיין געהאָבט צו דיר גאָט אונד צו די לייט אונד זי זאָלן הבן חן וחסד אין דייני אויגן אונד אין אויגן אַלי לייט די דאָ ווערן אויף זי זעהן אונד דו זאָלסט זי אַלין זיין פֿר אַלי מיני עין הרע אונד פֿון דעם יצר הרע אונד פֿון אַלי

ער זי זאָגט איך אונד קומן צו פֿרזוכט די אירט אויף דור דאַ; ווען גשריבן בייזי אַלי
ם זאָגן זיינן דאָ: שלאָגן זאַלכי יאָהרן אונד זאַלכי צו אַלן איין מיט איהן
זאָג: עז אונד אַלן איין פֿון שטאָר דען נאָך אונד שטאָד איין נאָך לעבן לייבן
ניט זאָגט דאָ אונד לעבן אונדר בייא שטערבן קינדר אונגרי פֿון קינד איין
דיך דיא אונד אַלי דאָך דערהעז דאָ דען דור פֿר צו גבעט איין קערן ווידר אַלין פֿר
איין צו קערן דיך זאָגט דאָ אונד ערהערן אויך זאָגט זאָ וואַהרהייט מיט פֿירוטן
זי זאָגט דו אונד ליים דער אויף גאָט דיר פֿר צו ביטן טוא איך די תפלה
טוא איך אַלז גבעט איין אויף ערשטאָרן איר זאָגט אונד שטאַרבט מיט לייבן פֿאַרשלאָגן
עניג. אונד מאָטער צו גבינט איין אונד דיר איין צו ווילן זיין זאָג עז: אונד ביטן
יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי עושה שלום במרומיו
הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן.

נאָ די טייטשי תחנה זאָל מן בשעה מתפלל זיין אַלי טאָג.

בשם ה״י אלהי ישראל יושב הכרובים דו גאָט איין גאָט אונד גאָט איין
אונזערן איך טוא דיך ביטן מיט גאַנצן הערצן דאַ: דו דיך איבר איר
דערבאַרמן זאָלסט כרחם אב על בנים אַלז וויא זיך דערבאַרמט איין פֿאָטר
איבר זייני קינדר אונד ערהערן איין גבעט אונד בהיט איך פֿר אַלם ביזן
אונד פֿיהר איך דען רעכטן וועג אונד פֿרנעם איין גבעט וואַז איך דיך אַלי טאָג
טוא בעטן מיט גאַנצן הערצן אונד וואַז איך ניט לעזן ווידר קערן אים איין
תפלה אונד וואַז איך אים איין אַלן אונד קינדר לעבן צו דיין היילגן דינסט
מלך רחמים דוא ערבאַרמיגר קעניג אונד ערבאַרם דיך איבר איר אונד איבר
אַלי די אייניגן אונד געה אים אונז חלילה ניט אום אים מדת הדין זאָנדרן מיט
מדת הרחמים אונד טוא דיין לאַרן פֿאָן אונז: עיהער אונד גבעט אַלז
לייט ווען איר דיך אַנרופֿן אונד היילף אונז אויז אַלער אונזער נייטן
אונד ערפֿרייא אונז מיט יאָהר וויר גערן הערען אונד זייא ממלא אונזער
בקשה וואַז איר פֿירלאַנגן פֿון דיינם היילגן נאַמן אונד דוא זאָלסט אונז
העלפֿן אַלז: ווי דו האָסט געהאָלפֿן אונזרי עלטערן אויז אַיהרי גרויסע נאָטס
אונד שווערי פיין פֿון מצרים אונד גיב איר דאָך גוטי פֿרומי קינדר דיא זאָלן
זיין צדיקים וחסידים ותלמידי חכמים אונד איך זאָל זוכה זיין זיא צו
דערציהן אים איינם אַלן צו דיינם היילגן דינסט אונד זיא זאָלן האָבן
חן וחסד אין דייני אויגן אונד אין אַלי מענטשן אויגן אונד איר זאָלט אויז
לעבן אונזר יאָהר אין גראָסי פֿרייד אונד איר זאָלן זוכה זיין אונזר קינדער
אויזצוגעבן בכבוד גדול איך ביט דיך דו אַלמעכטיגר פֿאָטר קעניג דו האָשט
איבר אַלז הערן דאָס דוא זאָלסט ערהערן איך אין אייני תפלות אונד
בקשות

בקשורת אונד זאלסט בהיטן מיך אונד מיינן מאן אונד קינדר פֿאר אללעס
בעזן אונד לאס דאך מייני פֿיינד קייני נקמה אן אונז דער לעבן צו זעהען
אונד דו זאלסט ערהערן מיך צו גוטן אלז וויא דו האסט ערהערט אונזער
מוטער חנה ע"ה אונד האסט זיא פֿערנאמן אונד האסט זיא ערפֿרייעט
מיט וואז זי האט בגערט פֿון דיינם הייליגן נאמן מלך רחמים דוא דער־
בארמיגר פֿאטר קעניג אוך טוא דיך אנרופֿען מיט גאנצעם הערצן איך וויל
הייליגן דיין גאנפֿארט נאמן אונד ווייטר אנרופֿן טאג אונד נאכט אלי טאג
מיינז לעבנז אונד פֿערלאס אונז דאך ניט אונד גיב אונז אונזרי פרנסה
אונד אן אונזר בדערפֿניס פֿון דייני הייליגי גטרייע מילדע האנד אונד ניט
חלילה דורך מענטשנהענד אונד גיב זיא אונז בנחת אונד ניט ח"ו בצער
אונד לאס מיך דאך האבן גוטי מליצים לעוה"ב מלך מלכי המלכים
הקב"ה איך טוא דיך אנרופֿען אלי צייט דען דוא ביזט גאנץ אליין אונד
קיינער מעהר דוא ביזט איין שפייזער אונד דוא גיבסט מיר אללע מיינע
בדערפֿניס אונד האסט מיך ערנערט אונד געשפייזט פֿון מיינער יוגנט אן
ביז אהער ביז דען היינטיגן טאג אונד זאלסט מיך דאך ווייטר אונד אללע
די מיינגן ניט פֿערלאזן אונד זאלסט אונז בהיטן פֿאר אללע גזירות אונד
אללע בייזי חלומות אונד פֿאר אללע בייזי צרות אונד פֿאר שונאים הענדען
אונד פֿאר מלחמות אונד בהיט מיך מיט מיין מאן אונד קינדר פֿאר אייני
מיתה משונה אונד פֿאר אללי רוחות רעות אונד פֿאר שדים אונד פֿאר
כישוף אונד פֿאר אללי מיני עין הרע אונד פֿאר דעם יצר הרע אונד דו
זאלסט אונז גדענקן אונד אנשרייבן אללי צייט צו גוטי יאר צו לאנג לעבען
אונד דוא זאלסט אונז גדענקען אללי צייט צו גוטן אונד צו בענטשונג אונד
זאלסט אונזר תפלה אללי צייט ערהערן אלז וויא דו האסט ערהערט די תפלה
פֿון מנשה מלך יהודה אונד דוא זאלסט אונזער תפלה ניט פֿער שמעהן
אונד ניט לער לאזן ווידר קערן פֿון פֿאר דיר דען דוא ביזט גאנץ דער
דא הערט אללי גבעט די דיך אנרופֿן מיט גאנצן הערץ אמן סלה.

כב די תחנה זאל מאן זאגן אלי טאג מיט כוונה נאך דעם אדן.
יהי רצון מלפניך עז זאל זיין דר ווילן צו פֿר דיר גאט מיין גאט אונד גאט
מיין עלטרן דז דוא זאלסט מיך פֿירן אלי צייט פֿון רעכטן וועג אונד דוא
זאלסט מיך בהיטן אונד בשירמן פֿר די פֿיר כיתות די דא ניט זוכה זיין צו
זעהן די הייליגי שכינה די ערשטע כיתה איז די חנופה טרייבן די אנדרי
כיתה איז די שקרים זאגן די דריטי כיתה איז די מלשינות טרייבן אונד
ניבול פה רעדן די פֿירטי כיתה איז די דא ליצנות אונד לשון הרע רעדן

אונד

אונד דוא זָאלסט אונז בהיטן אונד בשירמן פֿון אַללערלייא צרות אונד פֿון אַלע
בייזע בגעגניז אונד פֿאַר חרב אונד רעב אונד פֿאַר וואַסר אונד פֿייער אונד פֿאַר
גזלנים עז זייא אין דער שטאָדט אונד עז זייא אויף דעם פֿעלד אונד שיק
אונז גאָר קיין לייד ניט צו אונד בהיט אונז ווייטער פֿאַר צער אונד פֿאַר אַלן
בעזן אַלץ זיך איין הער פֿערכטן טוט זָאלסטו ניט צושיקן אונד דוא זָאלסט
אונז געבן אונזער פרנסה בכבוד אָהנע אַלע זָארגן אונד דו זָאלסט אונז געבן
אריכות ימים ושנים מיר זָאלן אַלע לעבן אונזער יאָהר אונד טאָג אין עשירות
אונד מיר זָאלן אונזער צייט אין עהרן אונד פֿריידן פֿערברענגן אונד דו זָאלסט
אונז ניט שיקן קיין זָארג אונד קיין שמערצן אונד קרענק ח"ו וואַס דאַ פּלעגט
אויף דער וועלט צו קומען ניט חלילה אויף מיר אונד ניט אויף מיינע אונד
קינדר ה"ו אונד איך זָאל זוכה זיין צו ערציהן מיינע קינדר לתורה ולחופה
ולמעשים טובים אמן אונד לאַז מיך דאָך פֿיל פֿרייד ערלעבן אונד אַל די
אייניגע אונד זָאלסט ווייטער בייא נאָך איבערפֿאַהרן ווייל וויר לעבן מלך רחמים
ערבאַרמיגר פֿאָטער קעניג פֿון דער גאַנצער וועלט דאַס דו זָאלסט אויף אונז
שיקן דאַ אויף היינט אונד מאָרגן דאַס איטליכער זאָל זיך פֿערוואונדערן דריבער אונד
זָאלן אַלע הייבן צו זאָגן די ערפֿרייאונג אונד דו זָאלסט אונז שיקן די שמרי
פֿון פרנסה אונד דו זָאלסט אונז שיקן פֿון דיינר מילדע גטרייע האַנד
אונד ניט פֿון האַנד מיינר מענשן אונד דאַס זיך ניט זָאלען פֿרייען אונד
זָאלן קיינע נקמה ערלעבן צו זעהן אונד עז זָאל אונז ניט נויטיג דער יצר
הרע דערווייל דאַס מיר זָאלן קענען בשטיהן אונד זָאלן קענען היטן
דיינע תורה אונד מצות ווייא וואָל איך בין פֿאָל עבירות אונד האָב פֿיל
עבירות גטאָן ווייל צו מיר איך בין מתודה אויף מיינע גראָסע חטאים
ועונות ופשעים וואָס איך האָב געזינדיגט אונד געטוועלט אונד געמיסטאָט
געגן דיין הייליגן נאָמען אַלע טאָג מיינע לעבנס אל שדי מלא רחמים
דו ביזט פֿאָל גנאַד אונד איך בין פֿאָל זינד זאָ ביט איך דיך ליבער גאָט
דאָס דוא מיר זָאלסט מוחל זיין אַללע מיינע זינד אונד זָאלסט ווייטר קיין
צער אויף מיר שיקן אונד וויר זָאלן אונזער יאָהר אויסלעבן אין פֿריידן אונד
דוא זָאלסט אונז געבן מיט פֿערשטאַנד דרויט דאָס מיר זָאלן קענן מתודה
זיין פֿאַר אונזער טאָד אונד זָאלסט אונז אַלע מאָל דן לכף זכות זיין צו גוטן
דרויט דאָס מיר זָאלן קענן בשטיין ווען מיר ווערן פֿרשיידן פֿון דר זינדיג
וועלט אונד ווערן קומען פֿאַר דעם יום הגדול והנורא אונד זָאלסט מיט אונז
טהון אַלץ מיט חסד ורחמים פֿון וועגן זכות אונזער פֿרומע עלטרן
אברהם יצחק ויעקב.

אנא האל אברהם איך בעט דיך דורך דעם כח פון אברהם דעם דיינע פריינד זאלסט פֿארנעמען איין געשרייא אונד איין געבעט וואס איך דיך האב געבעטן אונד וואס איך נאך ווער ביטן דו זאלסט מיך ערהערן אזוי ווי דו האסט ערהערט די תפלה פון כל ישראל אז זי זיינן אין גרויסער צרה געווען אונד האסט זי אזוי אזוי געהאלפן ווען זי דיך אנגערופן האבן אזו זאלסט דו מיר אויך העלפן אונד זאלסט מיך ערהערן ווען איך דיך טוה אנרופן אין מיינע נעטה אונד דו זאלסט איין צער פאר דיר נעמן ווי איין תפלה אזו פאר דיר אנגענעם זיין גלייך אלס ווען איך העט פאר דיר מקריב געווען איין קרבן אונד לאס מיין תפלה נים לער ווידער קומען צו דיר אונד לאס קיין מקטרג קענן אויפהאלטן מיינע תפלה אונד שיק בלד דעם גואל צדק אמן סלה.

אז די זעלבע תחנה זאל איטליכע פרוי מתפלל זיין צו האבן בנים צדיקים ותלמידי חכמים

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַכֵּנִי לְהוֹלִיד בָּנִים זְכָרִים:

דו הערר פון דער גאנצער וועלט לאס מיך זוכה זיין צו האבן קינדער דיא זאלן זיין אייטל מאנספערזאנען.

לִלְמוֹד תּוֹרָתֶךָ הַקְּדוֹשָׁה לִשְׁמָהּ בְּרִיאִים בְּגוּפָם וּבְשִׂכְלָם:

דיא זאלן לערנען דיינע ליבע תורה פון דיינעם הייליגן נאמען וועגן אונד זיא זאלן זיין פריש אונד געזונד אן איהרם גוף אונד אים שכל.

בַּעֲלֵי מִדּוֹת טוֹבוֹת בַּיְשָׁנִים רַחֲמָנִים וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים:

זיא זאלן אן זיך האבן גוטע מדות אונד מעשים טובים אונד זיא זאלן געציערט זיין מיט דרייא מדות אז איר ישראל דערמיט געציערט זיין זיא זאלן זיין שעמהאפט אונד זאלן זיך ערבארמן איבר איטליכן מענטשן.

וְצַדִּיקִים וְיִרְאַת אֱלֹהִים כְּאַבְרָהָם וּמְקַדְּשֵׁי שְׁמֶךָ כְּיִצְחָק:

אונד זיא זאלן זיין פרום אונד גאטס פערכטיג אזו וויא דא געוועזן אברהם אבינו ע"ה. אונד דורך זיא זאל געהייליגט ווערן דיין הייליגר נאמען אזו וויא דא איז געהייליגט ווארן דיין נאמען דורך יצחק ע"ה.

וּתְמִימִים יוֹשְׁבֵי אֹהָלִים כְּיַעֲקֹב וּמַאֲמִינִים בְּלֵב שָׁלֵם:

אונד זי זאלן זיין גאנץ מיט גאט צו זיצן אלייט אים בית המדרש צו לערנען תורה וויא יעקב אבינו ע"ה זי זאלן גלייבן אים גאנצן הערצן

וחכמי

בְּכָל תּוֹרַת משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּנְבִיאִים הַקְּדוֹשִׁים:

אונד זיא זאָלן גלויבן אין דר גאנצע תורה פון משה רבינו ע"ה אונד אין אַלן וואַס דיא היילגע תורה אונד דיא היילגע נביאים זאגן:

וְחַכְמֵי הָאֱמֶת תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה:

אונד אין אַלן וואַס אונזער וואַהרהאַפטיגי חכמים ז"ל געזאָגט האָבן אונד אין דער תורה שבעל פה ובכתב דאָס הייסט דיא תורה וואָס משה רבינו ע"ה האָט מקבל געווען פון אונזר הקב"ה זעלבר אויף דעם בערג סיני אונד דיא תורה וואָס מדרבנן איז וואָס אַלי תנאים ואמוראים געזאָגט האָבן.

וְכָל הַחֻקִּים וֶאֱמוּנַת אֲמִיתִּיּוֹת תּוֹרָתֵינוּ הַקְּדוֹשָׁה וְהַטְּהוֹרָה:

אונד זי זאָלן אויך גלויבן אַלי מלות אונד אַלי געזעצן אונד אָן דען רעכטען וואַהרהאַפטיגן גלויבן אָן אונזרע ליבע היילגע תורה.

וְכָל מִצְוַת דְּרַבָּנָן וּמְקַיְּמִים אוֹתָם מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם:

אונד אַלי די מצות וואָס מדרבנן זיין וואָס די חכמים האָבן מתקן געוועזן אונד זאָלן אַך האַלטען אונד באַשטעטיגן אַלי מצות אונד אַלי חקים ווער וואָס דאָס אויבר הערצ זאָל געשטערקט ווערן אַלזע מאָג איהר געבן צו דען היילגן ליבען אונד צו רייכע היילגע תורה אונד מצות.

כְּמוֹ שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל בְּשָׁעָה שֶׁעָמְדוּ לִפְנֵי הַר סִינַי וְעָנוּ וְאָמְרוּ:

אַלז ווי דאָס איז געוועזן דאַז הערצ פון כל ישראל אין דער זעלביגע צייט ווי זיא זיינד געשטאַנען בייא דעם בערג סיני אונד האָבן די תורה מקבל געווען זאָ האָבן געזאָגט כל ישראל מיט גאַנצן הערצן.

כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יְיָ נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע וְלֹא יִבְעֲטוּ בָּנַי:

אַלעז וואַז גאָט דער אַלמעכטיג ווירד רידן וועלן מיר טון אונד הערען אונד אונזרי קינדר זאָלן נישט ווערן שפּעטיגען אַן די היילגע עשרת הדברות.

בְּקוֹל הוֹרִים וּמוֹרִים אֶלָּא מְכַבְּדִים וְיִרְאוּ אוֹתָם:

דאָס זיא זאָלן נישט ווערטשפּעטיגן אַן די טאַטים פון אונזרע לערער אונד ערליהר אונד שטראַפער זאָנדערן זי זאָלן זי אין גראָסי כבוד האַלטן אונד פערכטן פאַר זיא.

יִהְיֶה לָהֶם אָזְנַיִם שׁוֹמְעוֹת תּוֹכָחוֹת חַיִּים וּבְקֶרֶב חֲכָמִים יָלִינוּ:

אונד אונזרע קינדר זאָלן זאָלע ליט זיין איהר הערצ אונד האָרן צו די שטראָף דער פון זייער לערער אונד שטראַפער דאָס דאַ ברענגט אין דאַז עוויגע לעבן אָדר לוינט תלמידי חכמים אונד לומדים זאָלן אויבערהאַלטן אונד זאָלן אַלי צייט גיעהן צו אַלזערן פון זיא איר מעשים טובים.

ויתא להם לב רחב ושכל טוב זכירה טובה וקיימת:

אונד זיא זאָלן האַבן איין ווייט אונד ברייט האַרץ אין דער תורה אונד
זאָלן האַבן איין גוטן פֿערשטאַנד צו פֿערשטיין דייני ליבע תורה אונד מצות אונד
זיא זאָלן האַבן איין גוטן זכרון דאַז זיא זאָלן געדענקן.

לשמור החכמה לעבודתך חושים ובריאים בכל רמ״ח איברים ושס״ה גידיהם כדי להשתמש בהם לעבודתיך:

צו היטן אונזרן פֿערשטאַנד אונד קלוגהייט צו דיינם הייליגן דינסט אונד זאָלן פֿולע
מיט געדענקן דייני הייליגע תורה אונד מצות אונד אייערע זאָלן גאַנץ
געזונד אונד פֿריש זיין אָן אַל איר צוויי הונדערט אונד אַכטאונדפֿירציג גלידר
אונד אַן איהר דרייאהונדערט פֿינף אונד זעכציג אָדערן דער מענשן זיא זאָלן
דרויס קענן דינן צו דיינם הייליגן דינסט.

לבבות שלימות באהבה וחשק ורצון בתורת יי:

מיט גאַנצן הערצן מיט צוטראַסט אונד מיט גלוסטיקייט אונד מיט פֿערלאַנג
איהר הערצן אין די ליבע הייליגע תורה.

ובהם יהגו יומם ולילה ולא יצא עליהם שם ודבה רעה לעולם:

אונד אין דייער תורה זאָלן זיא לערנן טאָג אונד נאַכט אונד עז זאָלן אויך
זיא ניט אויזגין חס ושלום איר לעבענזטאַג איין שם רע אָדער איין באָס
קול חס ושלום.

רק אהובים למעלה ונחמדים למטה וכל רואיהם יכירו כי הם זרע ברך יי ויאמר עליהם ברוך שזו יולדה ברוך שזו גדל:

זאָנדערן זיא זאָלן געלויבט אונד געלובט זיין צו דיר גאָט אים הימעל אונד צו
די לייט אויף דער ערד אונד צו אַלע די דאָ ווערן זעהן אויף אייערע קינדר
זאָלן צו גלייך ערקענט ווערן דאָס דאָ געבענטשט אויז פֿון גאָט אונד אַז
זאָל אויך זיא זאָגן געבענטשט איז דער פֿאַטער אונד די מוטער דאָס זיא הוט
געטראָגן אונד געזויגן אונד געבענטשט איז דער פֿאַטער אונד דיא מוטער דאָס
זיא האָבן ערצאָגן.

והיו כבני כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו:

אונד אייני קינדר זאָלן זיין אַזוֹ ווי איין בוים דר דאַ געפֿלאַנצט איז בייא
איינם באַך דער דאָ גיבט זיין פֿרוכט אין די צייט.

ועלהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח:

אונד זייני בלעטער טונן זיך ניט פֿר פֿאַלבען אונד ניט אַב דערדען אונד
אין

אין אלע איהרי עסוקים אונד מעשים טובים אזו זיא ווערן שטאהן זאלען זיא בגליקן.

וְיִהְיוּ בָנַי כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ:

אונד מיינע קינדר זאלן אללעס אום מיינעם טיש געפלאנצט זיין וויא דא איז געפלאנצט איין אהלבעער בוים.

וְהַאֲרִיךְ נָא בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים שְׁנוֹתַי וּשְׁנוֹת בַּעֲלִי וּשְׁנוֹת בָּנַי:

אונד דוא אללמעכטיגער בארמהערציגער גאט דוא זאללסט מיט דיינער גראסע גנאדע אונד בארמהערציגקייט פערלענגערן מיינע יאהרע אונד דיא יאהר פון מיינעם מאן אונד די יאהר פון מיינע קינדר.

וּתְזַכֶּה אוֹתָנוּ שֶׁיֻּלְּדוּ עַל בִּרְכֵּי דוֹר רְבִיעִי וְקַיֵּם בְּזַרְעִי:

אונד דו זאללסט לאסן זוכה זיין דאס זיא זאלן ווערן געבארען אונד ערלאנגען פון מיינע קינדע פיער דורות אונד עס זאלל ווערן בעשטעטיגט אן מיינע קינדער.

בִּרְכוֹת אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ:

דיא ברכה פון אברהם אבינו ע"ה דאס דו האסט איהם געבענטשט זיין זאמען זאלל זיך מעהרן אונד זאלן זא פיל זיין אלס ווי די שטערן אם הימעל.

וְאֶזְכֶּה לְגַדְּלָם בְּאֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה:

אונד איך זאלל זוכה זיין צו ערציהן אונזרי קינדער אין דעם הייליגען לאנד דאס איז ארץ ישראל אים הייליגקייט אונד אין רייניגקייט.

וּבְיִצְחָק יִקָּרֵא לָהֶם זֶרַע קֹדֶשׁ מַטָּעֵי לְהִתְפָּאֵר וּבְבִרְכַּת יַעֲקֹב יִרְשׁוּ נַחֲלָתָם בְּלִי מְצָרִים וְיִהְיוּ מְעֻטָּרִים בְּכֶתֶר תּוֹרָה:

אונד מיינע קינדר זאלן גקרינט זיין דאס זיא זאלן גרויס ווערן אין הייליגר זאמען אזו ווי דער פאטער יצחק איז געווען אונד מיינע פלאנצונג מיינעס זאמען זאלל זיין צו לאבונג יעדערמאן אונד מיט זיא זאל זיך אויספיהרן בריהמען אונד בעשטעהן אונד זאלן אויך געבענטשט זיין מיט דער ברכה וואס איז געבענטשט יעקב אבינו ע"ה מיט זיינע ערבטהייל אהנע געמערק אונד זיא זאלן גקרינט זיין מיט דער קרוין פון דער תורה.

לְזַכּוֹת הָרַבִּים לְשֵׁם שָׁמַיִם וְלֹא בְּגַאֲוָה וּבְכֶתֶר מַלְכוּת:

דאס זיא זאלן זוכה זיין לומדים צו האבן אונד זאלן מזכה את הרבים זיין מיט דער תורה פון דיינעם הייליגען נאמען אבער ניט חלילה פון גאוה וועגן אונד זיא זאלן אויך גקרינט זיין מיט דער קרוינע פון מלכות דאס זיא זאלן רייכע לייט זיין.

שלא

שֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ לְהִלָּוֹתָב בָּשָׂר וָדָם וְלֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם:

דאַס זיא ניט בדאַרפֿן צו נעמען פֿון איינעם מענשן אונד אך ניט שענקען פֿון איינם מענשן.

וּבְכֶתֶר כְּהוּנָּה מְשָׁרְתֵי יְיָ כְּמוֹ בְּנֵי דָוִד כֹּהֲנִים הָיוּ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב:

אונד זיא זאָלן אויך געקריינט זיין מיט כהונה דינר גאָטעס: אלס ווי דא זיין געוועזן די קינדר פֿון דוד המלך אז: ווי דא שטעהט אין פסוק.

וְאַתֶּם כֹּהֲנִים תִּקָּרֵאוּ וְכֶתֶר שֵׁם טוֹב עוֹלָה עַל גַּבֵּיהֶן:

אונד איהר זאָלט ווערן גרופֿן כהנים דינער גאָטס אונד מיט דער קראָנע שם טוב זיין זיא נאָך אויבער געקרינט אז: מיט אלע דריי קראָנען דאָס שם טוב זאָל אויך זיא ווייט אונד ברייט געהערט ווערן.

וְלֹא יִשְׁלוֹט בָּהֶם יֵצֶר הָרָע וְלֹא עַיִן הָרָע כְּמוֹ יוֹסֵף הַצַּדִּיק עָלָיו הַשָּׁלוֹם:

אונד עז זאָל ניט געוועלטיגן קיין יצר הרע אונד קיין עין הרע זאָל האָבן אלס דא ניט געוועלטיגט האָט קיין עין הרע אַן יוסף הצדיק ע"ה.

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁבֵּרַךְ יַעֲקֹב לְבָנָיו שֶׁל יוֹסֵף:

אַלס ווי דא געשריבן שטיט אין דיינער הייליגע תורה, דאָס יעקב אבינו ע"ה האָט געבענטשט די קינדער פֿון יוסף עליו השלום דאָס זיא זאָלן זיך אויסבראַטן אונד מעהרן זאָ פֿיל אַלס אַן דיא פֿיש אין וואַסער גאַנצע אלס אַן דיזן פֿיש אין וואַסער קיין עין הרע ניט שולט אַזוי זאָל אויך אַן די קינדר פֿון יוסף הצדיק קיין עין הרע ניט געוועלטיגן אונד האָט צו זיא גזאָגט:

הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל אוֹתִי מִכָּל רָעָה יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבוֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ:

דער מלאך דער איך האָט אויסגעלייזט פֿון אַלין בייזן דער מלאך זאָל אך בענטשן די יונגען אונד זאָל זיא בהיטן אונד בשירמן פֿאַר אַלים בייזן אונד עז זאָל אויך זיא ווערן גרופֿן אין נאָמען אונד דער נאָמע פֿון זיינע עלטערן אברהם אונד יצחק זאָל זי בייא שטיין דאָס קיין עין הרע זאָל ניט אַן זיא געוועלטיגן אונד זאָל וואַקסן אונד מעהרן צו פֿיל אין מיטן אונד צווישן ארץ ישראל.

וְתַצִּילֵם מִכָּל חֳלָאִים וּנְגָעִים רָעִים הַמִּתְרַגְּשׁוֹת לָבֹא לָעוֹלָם:

אונד דו זאָלסט זי בהיטן אונד בשירמן פֿאַר אַלע קרענק אונד פֿאַר אַלע בייזע פלאָגן אונד פֿאַר אַלע בייזע צוקונפֿטן דאָס קומען אויף די וועלט צו קומען.

וּבֵירַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ. וְקַיֵּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב:

אונד דוא ווירסט בענשן אונזר ברויט אונד אונזר וואסער מיט אַלע בענטשונג אונד דו זאָלסט בשטעטיגן אין אונזרי קינדר דען פסוק דז דאָ געשריבן שטייט.

אֲשֶׁר בָּנֵינוּ כִּנְטִיעִים מְגוּדָּלִים בִּנְעוּרֵיהֶם בְּנוֹתֵינוּ כְזָוִיּוֹת: מְחוּטָּבוֹת תַּבְנִית הֵיכָל מְזָוֵינוּ מְלֵאִים מְפִיקִים מִזַּן אֶל זַן:

דאס מאן זיך בפֿלייסט דאס איין ווינקעל פֿון דען שטיין זאָל גלייך זיין צום אנדרן שטיין אונד איינר שעלבר ווערן האָך געמאכט אונד גליבט זיין אין די אויגן דער מענשן דיא וואס זעהן ווערן אין דאָ גלאבט אזוי אזויני שטיינע געמאָלט אין די פאלאסטן אונד אונזרע זעהנע ווערן גלייך דען בוימן די אין דער יוגענד געוואקסן זיינד דיא קיין חסרון האָבן נוט האבן זאָ אויך ווערן דייני זעהנע איין פֿרוכט דור זיין ריין פֿון עבירות אונזרע ווינקל פֿון אונזרי מצות ווערן אויפֿגהן אונד ברענגן שפייז פֿון איינם יאָהר צום אנדרן פֿון דר לייט דאס מאן דיא תבואה אונד שפייז איינזאמעלט אונד לעהרט דאָ-פֿאָן ביז אין אנדרן יאָהר דאס מאן דיא תבואה איינזאמעלט.

צֹאנֵנוּ מַאֲלִיפוֹת מְרֻבָּבוֹת בְּחוּצוֹתֵינוּ אַלּוּפֵינוּ מְסֻבָּלִים:

אונזרי שאָף דז מיינט מאן אונזרי קינדר פֿיל מאָל טויזנט ווערן זיא האָבן אין אונזרי גאסן אונד ווערן בלויז דיא חשובים אונד גרויס דיא אונטר אונז זיין ווערן פֿאָלגן אונד לא הערן דיא נארישי אונד קליינע בלויז די שלעכטי:

אֵין פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחוֹבוֹתֵינוּ:

קיין ברעכונג אונד קיין פערלוקונג אונד קיין ערשרעקנים אונד קיין בעזע שמועה ווערד אויזגיין פֿון אונז אונד ווערד קיין געשריא אונד ערשרעקנים זיין אין אונזרי גאסן.

אָנָּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ זַכֵּינוּ לְקַיֵּים מַה שֶּׁצִּוִּיתָנוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

איך בית דיך גאָט מיין גאָט אונד זאָג מיך זוכה זיין צו בשטעטיגן וויא דוא אונז געבאָטן האסט אין דייער הייליגן תורה.

וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם וִיקֻיַּים בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב:

אונד איר זאָלט לערנען מיט אייערע קינדר אייער תורה אונד מצות דער מיט זיא זאָלן אויסן צו האלטן אין גבאָט אונד עז זאָל פֿאָן איר בשטעטיגט ווערן דער פסוק דאס דאָ געשריבן איזט.

וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

אונד

אונד אייכי ריך דז אייכט אמן דיא תורה די איך האב געגעבן אין דיין מונד
די זאלן נישט ווערדן אבגעטאן פון דיין מונד אונד נים פון מונד דיינר קינדר
אונד נים פון מונד דיינר ענקעל האב איך געזאגט פון יעצונד ביז עביג.

וְיִהְיוּ בָנַי מוֹרֵי הוֹרָאוֹת כְּשֵׁרִים בְּיִשְׂרָאֵל לְשֵׁם שָׁמָיִם:

אונד מייני קינדר זאלן זיין מורי הוראות אונד זי זאלן פסקנן איסור והיתר
אונטער ישראל פון גאטעס וועגן.

וְלֹא יִכָּשְׁלוּ בְּהוֹרָאָתָם וְלֹא יַטּוּ יָמִין וּשְׂמֹאל:

אונד זיא זאלן נים געשטרויכלט ווערן אין איהר פסקנן אייני אונרעכטי
הוראה אונד זאלן אלע טאגע איהרעס לעבנס בלייבען אין רעכטפערטיגען
וועג אין דייני היילגי געבאט נים צו ניגען אדער איבערטרעטען חלילה אויף
דער רעכטי זייט אדער אויף דער לינקע זייט פון די היילגי מצות.

מִדֶּרֶךְ הַיְשָׁרָה מִדְּבַר שֶׁקֶר יַרְחִיקוּ וְלֹא יִמָּצְאוּ בָם מוּם:

אונד פון דעם רעכטפערטיגן וועג אונד זי זאלן זיך אנטפערנן פון שקרים
זאגן אונד זאכען פון אלע פאלשע זאכען אונד עס זאל אין זיא געפינען
קיינערלייא מדה רעה אונד זאל פון זי נים געפונדן ווערן קיין מום.

וְלֹא מִדָּה רָעָה מִקְּטַנָּם וְעַד גְּדוֹלִים וְיִהְיוּ בָנַי מֵאוֹתָם שֶׁכָּתוּב בָּהֶם:

אונד קיינע מדה רעה ח"ו זאל זייא פון גראס אונד פון קליין אונד מיינע
קינדער זאלן זיין דיא זעלביגי די דא אין פסוק געשריבען שטיין.

מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ וּמִי יִשְׁכֹּן בְּהַר קָדְשֶׁךָ הוֹלֵךְ תָּמִים:

ווער איז ראוי צו וואוינען אין דיין געצעלט דאס אייכט אמן דאס אויבן אונד
ווער איז ראוי צו רוהען אים היילגען בערג פון דיינעם בהמ"ק דער דא
געהט גאנץ אים גאט.

וּפוֹעֵל צֶדֶק וְדוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ לֹא רָגַל עַל לְשׁוֹנוֹ:

אונד ווירקט מיט גרעכטיגקייט אונד רעדט מיט וואהרהייט אין זיין הערץ
דהיינו ער רעדט גוט אים מויל אונד אייכט עס נים פאלש אים דעם
הערץ ער טרייבט קיין רכילות נים ער רעדט קיין לשון הרע מיט זיין צונג.

לֹא עָשָׂה לְרֵעֵהוּ רָעָה וְחֶרְפָּה לֹא נָשָׂא עַל קְרֹבוֹ:

אונד ער טוט קיינעם קיין בייז אונד קיינעם אונד טרעגט קיינע
פערשעמונג איבער זיינעם קרוב דהיינו ווען ער זיעהט אז זיין נאהענטער פריינד
וואס אונרעכטעס געטאן טוט ער איהם ניט מאכן אויף אנדערע
נים רעדען ווען ער דערכגעהט אייכן אנדרן שטראפט ווארום האט ער דיזן
קרוב

קרוב מיט געשטראפט אזוי איינע חרפה קען אונז אויך ניט געטהאן דערווייל
ער באמת דען קרוב אויך געשטראפט האט דר זעלביג דער דאָז טהוט דער
היא רחל צו וועהרען איין גאַנץ גלעלס אונ זאָל זיין איינע קינדר דוח ליעבר
אַללמעכטיגר גאָט .

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁאוֹלִיד בָּנִים וּבָנוֹת וְלֹא יָמוּת שׁוּם אֶחָד מִבָּנַי :

אונ זאָל זיין דיין ווילן פֿאר דיר גאָט אוין גאָט אונד גאָט איינר עלטרן דאס איך זאָל גווינן זוהן אונד טעכטר אונד זאָל קיין זאָן שטערבן ביים איין לעבן.

וְלֹא בְּחַיֵּי בַּעֲלִי וְלֹא יָמוּת אַחַת מִבְּנוֹתַי בְּחַיֵּינוּ :

אונד ניט ביים איין מאַנן לעבן אונד אַך זאָל אונז קיינע טאָכטר שטערב ביים איינען לעבן אָדער ביים לעבען איינעז מאַנעז.

וְאֶקַּח נָשִׁים לְבָנַי וְלֹא יָמוּתוּ נְשֵׁיהֶם מִקּוֹצֶר שָׁנִים :

אונד מיר ווייבר זאָלן ניט שטערבן פֿון קורצי יאָהר חיות.

וְאֶזְכֶּה לְהַשִּׂיא בְּנוֹתַי אֲנָשִׁים הֲגוּנִים צַדִּיקִים וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים :

אונד מיר זאָלן זוכה זיין צו געבן מענער אונזר טעכטר די דאס זאָלן זיין פֿיינע גוטי ערהליכע מענער אונד תלמידי חכמים.

וְלֹא יָמוּתוּ בַּעֲלֵיהֶן חָלִילָה בְּקוֹצֶר שָׁנִים רַק יַאֲרִיכוּ יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם לְאוֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים וְלֹא יִפָּטֵר בַּעֲלִי בִּבְחֻרוֹתַי :

אונד אונזרי מענער זאָלן חלילה ניט שטערבען אין קורצע יאָהר אַנדרש זאָל ביים זאָהן לעבן לאַנגי יאָהר אונד לאַנגע טעג אין גרעסטע רפֿואה אונד דו אַללמעכטיגר בארמהערציגר גאָט דוח זאָלסט פֿערלענגרן דאס לעבען פֿון איין מאַן דאס ער חלילה ניט שטערבן זאָל אין קורצע יאָהר אין איינער אונד זאָנדרן מיר זאָלן זוכה זיין בייזאַמען צו וואוינען מיט אונזער קינדער אין גרעסטע פֿריידן אמן.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁתְּזַמֵּן לְכָל בָּנַי אֶת בַּת זוּגוֹ וּלְכָל אַחַת מִבְּנוֹתַי אֶת בֶּן זוּגָהּ :

אונ זאָל זיין דער ווילן פֿאַר דיר אונד גאָט איינער עלטערן דאס דוח זאָלסט בשערן אַלי מיינע זיהנליך אייגליכן זאָהן זיין רעכטי בת זוג ווא דוח אַללמעכטיגר גאָט האָסט איהם אויסגעלעגט צו ציהאַן יא זיין וואָרן בטאָפֿן פֿון חכמנו דיער מראַלט אין אומרליב אונד צו אַלי איינע טעכטר זאָלסט בשערן איטליכן איין רעכטן בן זוג.

המיוחד

תמותר לכל אחד מהם ולא יקדימם אחר ברחמים:

וואס דוא אַלמעכֿטיגער גאָטט זיא אויסגעלעגט האָסט צו געהן אום זיא אין בשאַפֿן וואָרן פֿון אָנפֿאַנג אין מוטערלייב אונד עס זאָל קיין אנדרי ניט פֿאַרקומען אונד זאָל אויהרן בן זוג אוועק נעהמן.

ולא ידיחו מפני אחרים וילדו בני ובנותי בשעה טובה ובמזל טוב:

אונד זאָל אויך ניט פֿערשטאָסן ווערן פֿון אַנדרי וועגן אונד מייני זעהנע אונד טעכֿטער זאָלן ווערן געבאָרען אין איינר גוטי שעה אין איין גוט מזל.

וכל הסבות בין מן אלהים והשגחיות בכל מערכיו ובין בחריות:

אונד אַלע געשיכֿטע אונד צופֿעלן דאָס זאָל צו רעכֿטן אין דער גאָטליכֿי וועלט אַז זיא זאָלן דאָס קומט פֿון גאָט דעם אַלמעכֿטיגן אונד אַז זיא וואָס קומט פֿון אונז אונד דער מערכֿה וואַז דאָס הייסט אויף דעם מענש אַז זיא וואָס דער מענש זיך זעלבר טוט אין דער בן אדם איין בעל בחירה איז אונד קאָן זיך ערוועלן צו טון גוטס אָדער בייז ח"ו.

יפעלו לטובתם ולברכה ולזכות בבני חיי ומזוני רויחי:

אַז זאָלן זיא האָבן פֿון צו גוטן אונד צו בענטשונג אונד דו זאָלסט זיא מזכה זיין מיט קינדער די זאָלן לעבן לאַנג לעבן אונד זאָלן זיך פֿלייסט מפרנס זיין בכבוד אונד זאָלן האָבן פרנסה האָבן בריוח אונד בנחת אונ׳ בהותר פֿון דיינר האַנד.

לא יחסר להם מזון וטרוף ביתם ותצילם ממאורעות קשות:

אונד עס זאָל זיא ניט געברעכֿן אונד מאַנגלן פרנסה פֿון אויהרי הויזגזינד אונד זיא זיינן לעבן אונד שיצט זיא בהיטן פֿר אַלי צופֿעלן.

ומפעלות רעות המתרגשות ובאות לעולם ותצילם מיצר הרע:

אונד פֿון אַלע בייזע האַרטע געשיכֿטן די שטורעמן אונד פֿליגן אין דער וועלט צו קומן פֿון דעם יצר הרע דאָס ער זאָל ניט זאָלן שרייען צו זינדיגן.

לא בזדון ולא בשוגג לא באונס ולא ברצון וישמרו את ברית קדש מכל טומאה וערוה וחרפה ויקיימו בעת ראוי:

ניט אומוויסנדיג אַז זיא גערן אָדער ניט גערן אונד זאָלן היטען אויהר ברית קדש פֿון אַלי אונרייניגקייט אונד פֿאַר אַלי שאַנד אונד זאָלן מקיים זיין

מצות פריה ורביה ותשכן בין איש לאשתו:

מאָמולכר

אויסליבער פון אייערע קינדער זאָלען האַלטען דיא מצוה פון פריה ורביה דיא צייט ווען זיא ראוי זיינד דאַז זעלביגע אויס צו האַלטען אַנדערע ווי אונזערע חכמים געזעצט האַבן אונד דאַז זאָלט איהר ניט רוהען לאַסען איר אונד אייער מאַן אונד קינדער איהרע מאַנען אונד ווייבער.

אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְרֵעוּת בְּשָׁלוֹם וְכֵן בֵּין קְרוֹבֵיהֶם:

מיטעל ליעבשאַפט אונד מיטעל גוטהייט אונד מיטעל פריעדע אונד גוטע געזעלשאַפט אונד אויך זאָלט איך זיין לייטען מאַכי פריינדשאַפט דיא אונד צו קענען.

וְאֶזְכֶּה לָזוּן אוֹתָם בְּקַטְנוּתָם בְּכָבוֹד בְּלִי חֶרְפָּה וּבִזָּיוֹן:

אונד איר זאָלט זוכה זיין צו שפייזען אונזרי קינדער ווען זיא נאָך קליין זיין מיט גרוסן כבוד אָהנע שאַנד אָהנע לעסטער.

וְיִהְיֶה תּוֹרָתָם אוּמָנוּתָם בְּכָבוֹד וִיבַלּוּ יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם בַּנְּעִימִים:

אונד אַל אונזער טון אונד לעבען זאָלל אַלז זיין אין דער תורה אונד מצות אונד מעשים טובים אַלז מיט כבוד אונד זאָלען צו שליסען אונד פערברענגען איר טאַג אונד יאָר אין גוטיגקייט אונד ליעבליכקייט.

בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים וּמְלַאכְתָּם וְכָל עֵסְקֵיהֶם וּמַעֲשֵׂיהֶם יִתְבָּרֵךְ מֵאֵלָיו וְלֹא יִצְטָרְכוּ לַבְּרִיּוֹת:

אונד מיטען תורה אונד מצות אונד מעשים טובים אונד אַל איר מלאכה אונד משא ומתן אונד אַל איר טון אונד זאָלן מצליח זיין אונד זאָלן פון זיך זעלבער געבענשט ווערן אונד איר זאָלט איר לעבסטאַג קיין מענש ברויכען.

וְאֶזְכֶּה לִרְאוֹת בְּשִׂמְחָה וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם עָקָר וַעֲקָרָה וּמְשַׁכֵּלָה:

אונד איך זאָל זוכה זיין צו זעהען אַן זיא שמחות דאַז אייגנט אַן זיא ווערן ווייטער זוכה זיין שמחות צו מאַכען איהרי קינדער אונד עס זאָל ניט זיין אונטער אונזערע קינדער חס ושלום קיין אונ טרעפענגר אַנדער דאַס אייגע זאָל איהר קינדער ניט אויסטראַגען אַנדער זאָלען איהר קינדער חס ושלום מפיל זיין פאַר דיא צייט זאָנדערן איהרע פרוכט זאָל געבענטשט ווערן פון גאָט.

וְיִמְצְאוּ חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם:

אונד זאָלן געפינדען גנאַדע אונד פערשטענדיגקייט אין אויגען גאָטס אונד אַלי דיא דאָ ווערן אויף זיא זעהן.

תלא

ולא אעזוב אותם ביד אחרים חס ושלום ותחזק לבם:

אונד מיר זאָלן אונזרע קינדר ניט פערלאָזן ח"ו אין פרעמדע הענד זאָנדרן
דוא ליבר גאָט דוא זאָלסט אונז בייא לעבן לאָזן.

שיהיו שומעים בקול אביהם ואמם ורבניהם:

אונד דוא זאָלסט שטערקן דאַז הערץ פון אונזרע קינדר דאַס זיא זאָלן צו
הערן אונד פאָלגן צו די שטים פון איהר פאַטער אונד מוטער אונד פון
איהר רבנים.

ואח קטן ישמע לגדול ויכבדו זה את זה:

אַז מיר געשוויסטער זאָלן גוט אונד איינִיג זיין דורך איינאַנדר אונד זאָלן פאָלגן
איינער דעם אַנדערען דער יינגסטע ברודער זאָל פאָלגען דעם אַלטעסטען
ברודער אונד דער אַלטעסטען שוועסטער אונד איינער דעם אַנדערן
בכבוד האַלטען.

יהיו טוב ונעים שבת אחים גם יחד באהבה ובנותי תהיינה נאות ויפות ובעלות חן וחסד:

אונד זיא זאָלען גוט אונד איינִיג אונד ליעבליך זיין דורך איינאַנדער מיט
גוטער אונד גראָסער ליעבשאַפט אונד מיינע טאָכטער זאָלען היפש זיין
אונד אַנגענעהם אונד זאָלן האָבען גנאַדע אונד וואוילגעפאַלען אין דיינע
אונד אין דער לייטע אויגען.

ובעלות שכל טוב ויהיו צנועות וצדקניות וחסידות

אונד זיא זאָלן האָבען גוטען שכל אונד זיא זאָלן זיין צנועות וצדקניות
וחסידות.

ויהיו מעוטרות במעלות ובמדות טובות כל כבודה בת מלך פנימה ותהיינה שלמות בלי מום וברך מעשה ידינו:

אונד זיא זאָלן זיין געקרוינט אונד געצירט מיט אַלע קעסטליכע מדות
אונד מדות טובות אונד זיא זאָלן קיינע וואָפערן זיין זיא זאָלן אַלע צייט
אין הויז בלייבען דען כבוד פון בת ישראל איז דיא דאָ אין איהר ה'
בלייבט זיא זאָלן זיין גאַנץ אין איהרע גוף דאַס זיא חלילה קיין מום
האָבען אַן זיך אונד אַזאַ אויסערליכער גאָטט דוא זאָלסט בענטשן אַז דיא
ווערק פון אונזער הענד דאַס מיר זאָלן בגליקען אין אַן אונזער ווערק וואָס
מיר זיך ווערן קעמפערן אונד ערנערן.

כדי שנוכה להרבות להם מוהר ומתן כראוי לבני גילן:

דער ווערטען דאָס מיר זאָלן האָבען מזל וברכה והצלחה דאָס מיר
ווערן

זוכה זיין אונזערע קינדער אויסצוגעבען דאָס מיר זאָלען זיי קענען פֿיעל גוט טון אונד פֿיעל געלד נאָך געבען צו איהר ברויכען אַלז ווי עס טרעפֿט אויס צו אייגען מזל.

וּמֵהֶם יֵצְאוּ פֵּירוֹת טוֹבוֹת בָּנִים צַדִּיקִים זוֹכִים וּמְזַכִּים לְכָל יִשְׂרָאֵל אָמֵן:

אונד איר זאָלסט זוכה זיין דאָס פֿון זיי זאָלען אויסגיהן הייסען גוטע פירות הייסען צדיקים אונד חסידים אונד תלמידי חכמים דאָס זיי זאָלען פֿרום זיין אונד זאָלען מיטער מזכה רבים זיין כל ישראל אמן וכי"ר.

אָנָּא יְיָ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים:

איך ביט דיך גאָט מיט דיינע גרויסע ערבאַרמיגקייט דיא זיינען גאַנץ פֿיעל.

וּבַחֲסָדֶיךָ הַגְּדוֹלִים שֶׁתְּזַכֵּנִי אוֹתִי וְאֶת בַּעֲלִי כב"ם:

אונד מיט דיינער גרויסע גנאָד דיא דאָ זיין גראָס אונד שטאַרק דאָס דו זאָלסט אונז זוכה זיין איך אונד מיין מאַן פכ"ם.

שֶׁתְּמַלֵּא מִסְפַּר יָמֵינוּ עַד מְלוֹאוֹת שְׁנוֹתֵינוּ שִׁבְעִים שָׁנָה:

צו פֿערלענגערן אונזערע יאָהר אונד טעג דאָס דו זאָלסט ערפֿילען אַלע דיא צאָהל פֿון אונזערע יאָהר אונד טעג ביז דאָ מער איז ערפֿילט אונזערע יאָהר אונד טעג אַז מיר האָבען צו לעבען דאָס זיין זיעבציג יאָהר.

וִיהֵא אַהֲבָה וְאַחֲוָה בֵּינֵינוּ וְהָסֵר מֵאִתָּנוּ לֵב רָגָז וְהַקַּפְדָנוּת.

אונד עס זאָל זיין צווישען אונז הייסט ליעבשאַפֿט אונד גוטע געזעלשאַפֿט אונד נעם פֿון אונז אַוועק דאָס בייזע האַרץ אונד שנעלע צאָרניגע געדאַנקען.

וְשֶׁלֹּא יִפּוֹל כָּל יָמֵינוּ מַחֲלוֹקֶת וְקַטָּטוֹת בֵּינֵינוּ:

אונד זאָל עוויג ניט צווישען אונז קיין קריעג אונד צאַנק זיין אַלע דיא טעג אונזערע לעבען.

וְלִבְלוֹת בְּטוֹב כָּל יָמֵינוּ וְהָסֵר מֵאִתָּנוּ כָּל מִינֵי צַעַר וּדְאָגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם:

אונד מיר זאָלען צו ברענגען אונד פֿערברענגען אונזערע טעג אונד יאָהר אין פֿריד אונד אין גוטען גוטע דו זאָלסט אַוועק נעמען פֿון אונז אַלע לייד אונד אַלע זאָרג אונד דאגות פֿון דער גאַנצע וועלט.

ושלא

ושלא יהיה לנו שום טרדה מטרדת הזמן שבעולם:

דאס מיר גאר קיינע זארג זאלן האבן פון אלע זארג וועלכע אין דער וועלט זיין

ותזכה אותי ואת בעלי לגדל את בנינו ואת בנותינו:

אונד דאס דוא זאלסט מיך מיט מיינעם מאן (זוכה) זיין דאס מיר זאלען ערלעבען אונזערע זעהנע אונד טעכטער לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן.

ושיהיו בנינו ובנותינו בעלי עושר וכבוד וחסידים וחסידות ולא ימות אחד מבנינו או אחת מבנותינו בחיינו:

אונד דאס זיא זאלן זיין אונזר זעהנע אונד טעכטער הייסען בעלי עושר וכבוד אונד חסידים וחסידות אונד זאל קיינער ניט פון אונזער זעהנע אונד טעכטער שטערבען ביי אונזר לעבען.

רק תמלא מספר ימיהם ושנותיהם בשיבה טובה ובמזל טוב:

זאנדערן דוא זאלסט ערפילען דיא צאהל פון איהרע יאהר אין איינע גוטע עלטער אונד אין גוטן מזל.

ואני ובעלי פב"פ נגדלם יחד באהבה ובחבה ובבריות ובשלוה ובהשקט ובטח ובעושר וכבוד לאריכת ימים ושנים:

אונד איך אונד מיין מאן פב"פ זאלן זוכה זיין מיט מיטאנאנדר צו ערציהען מיט גראָסע ליבשאפט אונד מיט גראָסע פרייד אונד מיט געזונטהייט אונד מיט עושר אונד כבוד צו לאנגע יאהרע.

אתה יי תזמין לנו לזון ולפרנס ולכלכל את בנותינו ולתן לכל אחת ואחת נדוניא הראוי לפי כבודנו:

אונד דוא זאלסט בשערן אונד געבן צו אונז דאס מיר זאלן קענן פערזארגן אונד דערנעהרן אונזער זעהנע אונד טעכטער אונד מיר זאלן קענן געבן איטליכען קינד נדוניה וואס רעכט איז איהר כבוד נאך.

ותציל אותי ואת בעלי פב"פ ובנותי פלונית ופלונית:

אונד זאלסט בשיצן מיך אונד מיין מאן אונד מיינע טעכטער פב"פ.

ואת בני פלוני ופלוני מכל מיני פורעניות ומכל גזרות קשות ורעות המתרגשות לבא לעולם:

אונד אייערע יעהכע פלוני ופלונית פֿון אַלע פורענות אונד בעזי לוקאַוויע
אונד פֿאַן אַלע בעזע צרות דיא דאַ שטראַפֿען אונד פּלאָגען אויף דיא
וועלט צו קומען.

ומאדם רע ומפגע רע ומשטן המשחית ומעין הרע ·

אונד פֿון בעזע לייט פֿון אַלע בעזע בגעגניס אונד פֿון דעם פֿערדערבער
אונד פֿון אַלע מיני עין הרע.

מכל מיני כשוף ומדין קשה ומבעל דין קשה ומלסטים ושודדים
ושוללים וחומסים מכל אויב ושונא הן בעיר :

אונד פֿון אַלע מיני כישוף אונד פֿאַר אַלע בעזע שווערע האַרטע געריכט
אונד פֿאַר אַלע בעזע האַרטע בעלי דינים אונד פֿאַר רייבער אונד שטעלער
אונד אַנדער אונד פֿון אַלע פֿיינד עס זייא אין דער שטאָדט.

והן בשדה הן ביער והן בדרך הן בהר והן בבקעה :

אונד עס זייא אין דעם פֿעלד עס זייא אין דעם וואַלד אונד עס זייא אויף
דעם וועג עס זייא אויף דעם בערגע אונד אין דעם טהאַל אונד אין אַלע
אָרטען דאָס מיר ווערן זיין.

בין ביום ובין בלילה ותצילנו מחלאים רעים הן חולי ראש :

עס זייא ביים טאַג אונד עס זייא ביים נאַכט אונד דוא זאָלסט אונז בהיטען
אונד בעשירמען פֿון אַלע בעזע קראַנקהייטען עס זייא אין קאָפּפֿוועה.

והעינים והאזנים והחזה והלב ואשתא צמירתא ושנים :

אָדער אויגענוועה אָדער אָהרענוועה אָדער ברוסטוועה אָדער הערצוועה פֿון
אַלע מיני קדחת רחמנא יצילינו אונד פֿאַר צאָהנוועה.

ומתחתונית וכל שאר מיני מדוה ומחלה הן בחלל הגוף והן
חוץ לחלל הגוף :

אונד פֿון דיא קרענק וואָס דאַ הייסט תחתונית אונד זאָלסט פֿאַר אַלי
טייערלען אונד פֿאַר אַלע קרענק עס זייא פֿון אינענען אָדער פֿון אויסען
אַם קערפּער:

אנא יי אלהי ואלהי אבותי שתמלא כל משאלות לבי
לטובה ולברכה :

איך בעט דיך גאָטט מיין גאָט אונד גאָט מיינער עלטערן דאָס דוא זאָלסט
ערפֿילען אַלע דאָס פֿערלאַנגען מיינעס הערצענס צו גוטען אונד צו בענטשונג.

ותעשה

וְתַעֲשֶׂה אֶת שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי בְּרַחֲמִים וְאַל יַעֲמוֹד לִפְנֵי תְפִלָּתִי לֹא שָׂטָן וְלֹא יֵצֶר הָרַע וְלֹא מְקַטְרֵג רַק יְהֵא לָנוּ:

אונד דוא זאָלסט טהון דיא פֿאַרלאַנגונג און דאַז בעגער מיינעס הערצענס מיט דער בַּרמהערציגקייט אונד עז זאָלן ניט קענען שטיהן פֿאַר מיינר תּפלה קיין שטן אונד קיין יצר הרע אונד קיין הינדערער נאָר עז זאָלן זיין

איינע

כַּמָּה וְכַמָּה מַלְאֲכֵי רַחֲמִים מְלִיצֵי יוֹשֶׁר וְקַיֵּים בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב וְתִגְזוֹר אוֹמֶר וְיָקָם לָךְ וְגַם מִקְרָא שֶׁכָּתוּב:

פֿיעל בַּרמהערציגע מלאכים זאָלן גוטע פֿירשפּרעכער אונד עז זאָלן אַן מיר בעשטעטיגט ווערן דער פּסוק דאַז דאָ געשריעבען איזט אונד ווערטער גוזר זיין אונד זאָגען איינע זאַך אונד עז ווערט פֿון דיר בעשטעטיגט ווערן אונד אויך דער פּסוק דער דאָ געשריבן שטיט.

הָאִירָה פָנֶיךָ עַל עַבְדֶּךָ וְהוֹשִׁיעֵנִי בְּחַסְדֶּךָ יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

דו זאָלסט לייכטען דיינע שכינה אויף דיינעם קנעכט אונד זאָלסט מיר העלפֿען מיט דיינע גנאַד אונ' לאָז מיר זיין דער ווילען דאַז זאָג פֿון מיינעם מויל אונד דאַז גדאַנקען פֿון מיינעם הערצען פֿאַר דיר גאָט דוא ביזט מיין בעשיצער אונד ערלעזער אמן וכי"ר.

נאָך דיא תפלה זאָלן איסליכער מאַן מתפלל זיין פֿאַר זיינע פֿרויא פֿון דעם טאַג אָן ווען זיא קומט אין זיעבענטען חודש ביז איהרע ניעדערקונפֿט איזט.

יהי רצון מלפניך ה' אלהי וא"הי אבותי שתקל מעל אשתי מרת (פב"פ) את צער עיבורה ותוסיף ותתן לה כח כל ימי עיבורה שלא יתוש כחה ולא כח העובר בשום דבר בעולם ותציל אותה מפתקה של חוה ויהי בעת לדתה כי ימלאו ימיה ללדת לא יהפכו עליה צירי לידה ויצא הולד לאויר העולם ברגע קטן ותלד בנקל כתרנגולת בקלות בלי שום היזק לא לה ולא לולדה ויהי' נולד בשעה טובה יבמזל טוב לחיים ולשלום ולבריאות לחן ולהסד ולעושר וכבוד שלא תלד אשתי בשבת שלא יצטרכו לחלל שבת ח"ו בשבילה ותמלא כל משאלותי במדה טובה ישועה ורחמיס בקרב ישראל הצריכים רחמים ואל תשיבנו ריקם מלפניך:

זיין שאַלעם פֿאַר איין יעדן הריון.

איינע גוטע רפואה פֿאַר איינעם עין הרע מחלמות רב מהגמרא. דער דיין געשפּרוך זאָגט אויז זיך דיא הענד אויסטען אונד

אום לעבן דיא העכר אויף דען קאפף פון דעם קראנקן עז זאל איין קליין קינד אדער איין אלטער מאן אדער איין ווייב אך קאן אמן ווא נעהמען פאן אולי איינע הויב אדער איין טוך אונד זאל ניט ווייט האלטען פון זיינעם אויג אונד זאל אנטשפרוך זאגן אונד זאל דרכאך דיא הויבע אדער דאז טוך דעם הויל ווכטער זיינעם קאפף לעגען.

מיט דיא היילן פון גאטס דעם אלמעכטיגן דער דא הייסט אלי קראנקע דער זאל אנבטן פון דיר אלי מאטערלען אונד בעזע בעגעגנים אז דיר איז אן קומן עז זיא פון איינעם בעזיין בליק עז זיא פון איינעם מאן אדער פון איינר פרויא. עז זיא פון אלט אדער יונג זאלז דיר ניט שאדען אן לייב אונד לעבען אך ניט אן דיינעם הערץ אך ניט אן דיינער לונג אליהו הנביא האט בעגעגנעט דעם מלאך אשטריבו דא שפרעך אליהו הנביא צו איהם וואו וילסט דוא הינגעהען דא זאגט ער איך וויל געהען צו דעם פלוני בר פלוני אדער בת פלונית איך וויל זיטצען צו זיין קאפפעניט אונד אין זיינעם הערץ אונד אין אלי זיינע גלידער אונד וויל טריקען זיין בלוט דא זאגט אליהו הנביא צו איהם זאלסט האבן דוא ניט רשות האזט אויזלוסטריקען אלע שאטער אויז דעם מעער זא זאלסט דוא ניט רשות האבען צו שאדיגן איהם זיין לייב נאך ניט אן איינעם פון זיינע גלידער אויך קיינערלייא שאדיער פון דער גאנצע וועלט האט איהם אייער געבען איין ביזז אויג זאל עז איהם ניקז שאדען נאך בייא טאג נאך בייא נאכט זמוהאל אל: דיא קונדר פון יוסף הצדיק האט אמן זיא קיין בעזעז אויג קענן געבן אויך אויסלאדען זא זאל דיר אך ניקז שאדען אונד איה אמן כיין קען לעהון אמן דיך השי"ו היילען אונד צו דיינער שטונד זאלסט דוא זיין פרים אונד געזונד דאז זיא ווהר אין גאטס נאמן אמן סלה.

אונד זאל איהם ברויכן מיט נייערלייא שפרבען פון וואנדע קווירער אונד ווען ער אנדערשט בערופען איז זא ווערט דער דען טפרוך זאגט דיער מטים אונד ווערט קראנקלען פאר באשיסהייט.

כד איינע תחנה דיא מאן זאגט גלייך בייא דעם אויפשטעהען נאך דיא העכר מאכען.

דא איך בין אפכרייט דאס איך וויל אויף איר עופפאנגען דיא אמונה פון דעם לעבעדיגן גאטס יתברך שמו דער דא איז טיגרם האלן פאר אועם די דא לעבן פון זיינער גראטונג קרושה אונד איך גלויב מיט דעם ווארהאפטיגן גלויבן מיט גאנץ ריינעם הערצן דאס דער באשעפר געלאבט זיא ער דאס ער איז איין עוויגער גאטס דאס זיינע איינגקייט קיין גלייכן האט אין קיינר געשאפט אל: ויא דאס שטיט אין דער היילינג תורה שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אונד אזהנע איהם ווירט קיין גאט מעהר ווכר ער האט באשאפן אלץ דיא הימל אונד דיא ערבערטטע הימל מיט אלי איהר הער אונד האט בעשאפן פון מענשען אונד בהמות

אונד חיות אונד עופות אונד פיש אונד אַללערלייא שרצים פון גראָס ביז קליין אונד ער שפייזט מיט זיינער גראָסע ערבאַרמונג אַללע בעשטענדיג פון דעם אונטערשטען עולם ביז אַן דען אויבערשטען עולם דער אונטערשטע עולם דאָס איז דער עולם וואָ דיא לייט דרינען וואָהנען דר הייסט עולם השפל דאָס איז דער מינדסטע עולם אונטער אַלי עולמות דאָ פינדעט מאַן אין דעם מינדסטען עולם גיבט זאָ פיעל טויזענדערלייא בעשעפניס דאָס מאַן אין אונענדליכען בעשעפניס זעהט גראָסע גראָסי וואונדער אונד מאַנכערלייא חכמה יעדאָך איז דיעזער עולם ניכט גרעסער אַלס איין זענפטקערנלין געגען דען עולם הגלגלים דאָס זיין דיא הימל דאָס דיא אומות נענען זיעבן פּלאַנעטען אונד דיא צוועלף מזלות אונד דיא שטערן די דא שטעהן אום דען עולם הערום וויפיעל גראָסע קראַפט אונד מאַכט פון הש"י אונד דר עולם הגלגלים איז אַבער גראָסע וואונדער זיינע אַלז איז אונענדליך ניכט גרעסער געגען דען עולם וואָ דיא מלאכים זיין דיא זיינן אַלי ניכט מעהר אַלס איין זענפטקערנלי אונד איז נאָך קיין מענש קענן דען אונטערשייד דער דאָ היכר איז אַלז דער ליב אויבן איז וועדער אַלז איין זענפט קערנלין אַלז איז נאָך דער הינטערסטע מענש דער איז אויבער אַלע מלאכים ניכט גרעסער געגען דיינעם הייליגען נאָמען גלויבט זייא ער איזט אונד עוויג זיינע הערליכקייט אונד מאַכט קייס האָט קיין שיעור אונד קיין ערך אונד איך גלויב וואַהרהאַפטיג מיט מיינעם גאַנצן הערצן דאָס דער בעשעפער איז איין העררער איבער אַלע העררן אונד אַלע כח אונד גבורה איז אַלז אין זיינער האַנד אונד געוואַלט צו טהון וואַס ער וויל ער ריכטעט אַלעס אונד הערט אַלעס אונד ער ווייס אַללעס אפילו וואַס דער מענש אין זיינער מחשבה האָט אכ"ט דאָס ער אַלעס וויס וואָ דער מענש טהוט עס זייא גוט אָדער ח"ו ביז אונד איך גלויבע אויך וואַהרהאַפטיג דאָס דער בעשעפער אויסליכן מענשען גיבט זיין לאָהן נאָך זיינעם פערדיענסט גיעבט ער גוט אויף דיעזער וועלט זיינען לאָהן זאָ גיעבט ער איהם אויף יענער וועלט עס גשיעהט איינער קיין אונרעכט ער הייסט א אמונה אונד איך גלויב דאָס דער בעשעפער ווערט הינטערנאָך דיא מתים ווידר לעבענדיג מאַכען מיט גראָסער ערבאַרמיגקייט אויף איהן האַב איך איינע האָפנונג אונד צו איהם גיעב איך מיין נפש רוח ונשמה אונד בין אויף מיר אַקבן דאָס יאָך פון זיינע מצות דאָס איך איהם וויל דיענען מיט גאַנצעם לייב מיט גאַנצעם הערצען מיט גאַנצעם אונד.

כו איין אַנדרי תחנה דיא מאַן זאָגט צו פריה גלייך נאָך דעם וואַשן.

אנא השם איך ביט דיך גאָט אלהי ישראל העד מיינע תשובה דיא דאָ

דא איז גאַנץ אונד פֿערגיב מיר מיינע זינד מיינע מיסעטאַט דען דו ביזט גנעדיג
צו ערהערען אוך גראָס איז דייניג גנאַד אונד ערבאַרמונג אונד מיין תפלה די דא
איז צו פֿאָר דיר מיט מיינעם גאַנצען הערצען זאָגן זיין איין פֿאָרשטעלונג
פֿאָר דיינעם כּסא הכּבוד אונד זאָל קיין ווידריגער זיין פֿאָר מיר וואָס אַכהן
מיינע זינדען זינד פֿיל אונד זאָלסט ניט מיר בעזיג דער פֿערציהען יאוני
מיינע פֿאָרשפּרעכער ניט פֿערשטאָסען פֿערנעם מיינע תפלה נאַם איך
ניט נייער שטיין פֿאָר דיר דיען דוא ביזט דער לעבענדיגע גאָטט געלאָבט
ביסט דוא גאָטט דוא ביזט ערבאַרמיג דו פֿערנעמסט דיא תפלה פֿון דיא
אַרמע געלאָבט ביזט דוא גאָטט אַלמעכטיגער טהוא דיך ערבאַרמען איבער
מיר עז זייא דער ווילן צו פֿאָר דיר גאָטט איין גאָטט אונד גאָטט איין יאלסרן
דאַס דוא זאָלסט מיר עֶפֿנען דיא פֿאָרטען פֿון תשובה אונד דיא פֿאָרטען
דער תפלה אונד ערבאַרמונג אונד הער מיין געבעט אַלס דוא האָסט גע־
הערט דיא תפלה פֿון אונזערע עלטערן אַז: דיא געבעטע פֿון אברהם אויף
דעם בערג מוריה אונד דאַז געבעטע פֿון יצחק דאַ ער איז געבונדען אויף
דעם מזבח אונד דיא תפלה פֿון פנחס בייא דער פֿערנאַכטונג אונד
דיא דאַז געבעט אליהו אויף דעם בערגע כּרמל אונד ווי דיא תפלה פֿון
(שמואל במצפה) אונד דיא תפלה פֿון דוד המלך אונד זיין זאָהן שלמה אין
ירושלים אונד דיא תפלה פֿון אַללע צדיקים אונד חסידים אַזוי זאָלסט
דוא אַך הערען מיינע תפלה דוא ביזט גרויס אונד דו האָסט גערעכטיג־
קייט איך ביט דיך גאָטט דאַס דוא זאָלסט פֿון מיר אַבטהון אַלערלייא פֿאַ
גדאַנקען פֿון מיינעם הערצען אונד אין דיינעם הערצען דיינע פֿאָרכט אונד
